# בית יעקב

## ליטעראַרישער זשורנאַל · נאַמיליען-זשורנאַל


יאָרגאַנג 8

ארגאן פאר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאקטאר: א. ג. פרידנזאן

נומער 70

— דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק —

ב״ה, לאָדזש פרייטיק פ׳ במדבר כ״ח אייר תרצ״א | Łódź 15 Maja 1931


ארכיון אסופות · הארכיון היהודי

# צענטראַל-ראַט צוזאַמענפאַר
# פון בנות-אגודת-ישראל אין פוילן



וואַרשע — ט׳ — י׳ אייר תרצ״א

## פאַדערט דעם פּראָספּעקט פון יידיש-נומער פון בית-יעקב-זשורנאַל
## וואָס גייט אַרויס אין חודש סיון

— אונטער דער רעדאַקציע פון —

# דר. שלמה בירנבוים!

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 070 a הודפס מתוך הארכיון היהודי · עמוד 1 מתוך 22

# ויעשו כולם אגודה אחת!

## פון שׂרה שעניר ער

..אוּן ווידער האָב איך זוכה געווען מיט די אייגענע אויגן צו זעען פאַרווירקלעכט איינס פון מיינע שענסטע יוגנט חלומות. אט שעמען זיך שוין נישט הונדערטער און טויזנטער יידישע טעכטער מיט טראַדיציאָנעלער יידישקייט!

אויף אונדזער רוף זענען געקומען פון אַלע עקן לאַנד, יידישע מיידלעך און פרויען אין דער רעזידענץ. נישט געזשאַליעוועט קיין געלט, קיין שווערע טירחא האָבן זיי אונדזערע חברות און פירערנס און זענען געקומען צו דער גרויסער כּנסי׳ לשם שמים.

אין פרילינג-צייט, ווען די יוגנט איז פאַרנומען מיט הבל-הבלים, איז אונדזער יוגנט געזעסן צונויפגעפרעסט אין זאַל פון וואַרשעווער ראטהויז. בעת כ׳האָב געזען די הונדערטער דעלעגאַטנס, די טויזנטער געסט, די געפּאַקטע גאַלעריע מיט טויזנטער בית-יעקב קינדער, בין איך אַלץ נישט בײַ זיך זיכער געווען צי ס׳איז אַ חלום בלויז, צי כ׳זע דאָס אין אמת׳ן...

מ׳פאַרבעט מיך צום רעדן, צו זאָגן דעם עולם, צו וואָס זיי זענען דאָ אַהער געקומען און אט איבערצייג איך זיך, אַז ס׳איז טאַקי נישט קיין חלום... יאָ, בײַם זייטיקן טיש וואו די זשורנאַליסטן זיצן איז אַ שטיקל צעטומלונג, זיי שמייכלען אפילו, אָבער זיי פאַרשטיין אַז ס׳איז נישט קיין קינדער-שפּיל. באַלד באַווייזט זיך אַ שול-קינד אויף דער טריבונע, מיר יינגע קינדער זעען שוין די כּפירה נעצן וואָס מ׳שפּרייט אויס פאַר אונדז, מיר זאָגן פעסט צו, אַז נאָכן פאַרלאָזן די שול-בענק וועלן מיר אַריינטרעטן אין די רייען פון בנות-אגודת ישראל" דעם קינדס האַרציקע רייד רירן אַלע אויסערגעוויינטלעך און טרערן פון שמחה גיסן זיך פון מיינע אויגן... איך שפּיר ווי מען קוקט אויף מיר און מער פון אַלע באַטראַכטן מיך אַצינד די 5 קראָקעווער מיידלעך, די פון די ע״שטע 25 וואָס האָבן מיט מיר צוזאַמען אין דעם שטיבל דלת על דלת געטרוימט און אַצינד זענען זיי די העלדנס פון טאָג... זיי דערמאָנען זיך אין יענער צייט, ווען איך האָב זיי געלערנט מאַכן אַ ברכה, אַ דין פון שבת. איינע פון זיי קאָן זיך נישט איינהאַלטן און רופט אויס צום טויזנט-קעפּיקן עולם „אויך איך בין איינע פון די ערשטע 25 תּלמידות, כ׳געדענק ווי מיר האָבן זיך געריסן, איבער דער „מצוה" פון אויסקערן די שטוב"...

און שפּעטער, ווען מיינע לערערנס און שילערנס, האָבן גערעדט און דעבאַטירט איבער די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען, ווען זיי האָבן דערציילט די מלחמה וואָס זיי האָבן אויסצושטיין אויף אַלע פראָנטן. אָבער זיי זענען גענוג באַוואוסטזיניק און פאַרשטיין זייער הויכן ציל...

איך ווייס אָבער צו גוט, אַז אַלץ איז דורך דער השגחה געשען און נאָר השי״ת דאַרף איך פאַר דעם אַלעם אָפּגעבן אַ שבח.

איך בין זיך אָבער מודה, אַז אינמיטן דער גרויסער שמחה האָט זיך אין אַ ווינקעלע פון מיין האַרץ פאַרגנבעט אַ פּײַנלעכער געדאַנק: צי זענען שוין באמת אַלע חברות הונדערטס פּראַצענטיקע יידישע טעכטער? און צי וועט ווייטער חלילה נישט קומען קיין ענדערונג אין זייער דענקן און שטרעבן? צי וועלן זיי נישט צוליבן וועלן פאַרגרינגערן זיך אַ טייל זאַכן פון יידישקייט גרינגשעצן? איך שטאַרק זיך אָבער, הלמאַי, ווייסן זיי דאָך אַז „תורת ה׳ תמימה" נאָר ווען מ׳האַלט די תורה אינגאַנצן איז זי אַ דערקוויקונג פאַרן יידישן האַרץ!...

עס קומט באַלד אָן דער גרויסער יום-טוב פון מתּן-תורה און זאָלן מיר אין די טעג זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון דערפון, וואָס די תורה באַטייט פאַר אונדז, פאַר די וואָס ג-ט האָט צוגעזאָגט געבן דעם טויזנט הויז פאַר דער וועלט צו, אין אויסגעריסענע גירעדט בײַם באַרג סיני...

דעם חודש סיון רופט אונדז צו פאַרבעסערן אונדזער לעבן, יידישער און גייסטרייכער צו מאַכן אונדזער געדאַנק און טאַט.

מיר דאַרפן אָנהייבן שטייגן אין עבודת הבורא און דער עיקר וויסן ווי אַזוי צו זיין אַן אמתער ייד מיטן גאַנצן האַרץ און מיט דער גאַנצער נשמה.

איך וויל דאָ זאָגן אַ קריטיש וואָרט, בנוגע דעם אַרבעט-פּראָגראַם פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס. בעת מיינע לעצטע באַזוכן האָב באַמערקט אין אַ סך ערטער, אַז ס׳איז פאַרנאַכלעסיקט דער דינים-לימוד און דאָס איז אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער פעלער.

די דינים פון טאָג, שבת, יו״ט, כשרות אא״וו מוז אומיטום געלערנט ווערן. בקרוב וועט זיין אַ גענויער פּלאַן פון דעם דת-לימוד און אַלע אָרגאַניזאַציעס וועלן דאַרפן אַלע כּוחות אָנווענדן, אַז ס׳זאָל איינגעפירט ווערן.

מען דערציילט, אַז דער רבי ר׳ בונם פון פּרשיסכא איז אַמאָל געקומען צו זיין רבין און געזאָגט: „מען האָט מיך היינט שטאַרק באַליידיקט". ווער האָט דיך באַליידיקט — פרעגט דער רבי — איך האָב אים אפילו אַ קוש געגעבן דערפאַר ענטפערט דער רבי ר׳ בונם. אויב אַזוי, טאָ זאָג מיר שוין ווער דאָס איז געווען. דער „שבט מוסר" — ענטפערט דער רבי ר׳ בונם מיט אַ שמייכל — ער האָט מיך ניכאַפּט בײַ אַ חטא אין עבודות השם און דערפאַר האָב איך אים אַ קוש געגעבן...

מיינע ליבע שוועסטער! מיר מוזן אָנהייבן לערנען אין מוסר-ספרים. דאָס וועט זיין פאַר אונדז אַ שטאַרקער חיזוק פאַרן אידעאַל. זאָל פון היינט אָן, זיך בײַ אונדז נאָך מער שטאַרקן די פאַרטיפונג אין יידיש וויסן אין יידיש-לערנען און אַזוי אַרום וועלן מיר זיך דערנענטערן צום אידעאַל פון „ויעשו כולם אגודה אחת".


גידענקט אין פאַרשטאַרקונגס-פאָנד פון בנות-אגודת-ישראל!

יעדער וואָס גיט פאַרן פאַרשטאַרקונגס-פאָנד וועט זיין צווישן די וואָס העלפן אויספירן די החלטות פון בנות-צוזאַמענפאָר!

שרייבט אויס אַטשעק און שיקט אייער שפּענדע אין דער סוחרישער קרעדיט-באַנק

פ. ק. א. 65.500

הארכיון היהודי

# צענטראַל-ראַט צוזאַמינפאָר
# פון „בנות אגודת ישראל" אין פוילן

## פייערלעכע עפינונג אין זאַל פון וואַרשעווער שטאָט-ראַט

זונטיק ט' אייר אָוונט איז גיווען אין וואַרשע אין זאַל פון שטאָט-ראַט די פייערלעכע עפינונגס-זיצונג פון צענטראַל-ראַט צוזאַמינפאָר פון בנות-אגודת-ישראל אין פוילן.

עס זענין גיקומין אַ צאָל פון קרוב 450 דעלעגאַטנס. און בערך 2000 געסט. די גאַלעריע איז גיווען איבערפולט מיט קינדער פון די העכערע קלאַסן פון וואַרשעווער בית-יעקב-שולן. די פרעסע-לאזשע איז גיווען אין אַ אָפגיטיילטן ווינקל פונים גרויסן זאַל און ס-האבן זיך אין איר גיפונין פאָרשטייער פון אַלע וואַרשעווער יידישע ציי‍טונגין מיטן יט"א דירעקטאר ה' מאזעס בראש און קארעספאנדענטן פון אויסלענדישע ציי‍טונגין. נאָענט ביי די פרעסע-פאָרשט ער, האבן זיך אויך גיפונין די ספעציעל פאַרבעטינע פארשטייער פונים מענער-ראַט ביי דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילן.

האַלב ניין אַ זייגער האט גימוזט דער זאַל פון ראטהויז ווערן אָפגישלאסן, מחמת דער ריזיקער זאַל איז שוין פול מפה אל פה. די ענערגישע ארדנערנס האבן גיהאַט אַ שווער שטיקל אַרבייט נישט אַריינצולאזן דעם טויזנט קעפיקן עולם, וואָס איז נאָך גיבליבן פון דרויסן און צווישן זיי אַ סך אָנגיזעענע פרויען פון פאַרשידינע גיזעלשאַפטלעכע קרייזן.

צען מינוט פאַר ניין אַ זייגער באַווייזט זיך אויפן פרעזידיום-טיש פרל. רייזל ראזאַ און הייבט אָן מיט אַ שטילער אבער שטאַרקער שטים איר

## עפינונגס-רעדע
### פון פרל. רייזל ראזא

הארכיון היהודי

זייער חשובער צוזאַמינפאָר!

מיר זענין זיך היינט ב"ה צוזאַמינגיקומין צו דעם ערשטן צ. ר. צוזאַמינפאָר פון בא"י. 5 יאָר פון מסירת נפשדיקער אַרבייט, 5 יאָר אומאויפהערלעכער קאַמף מיט דער ירידה און אַרבייט פאַר אונדזער עלי' זענין אַדורך, זינט ס-איז אין לאדזש גיליי‍גט גיווארן דער יסוד צו דער בא"י באַוועגונג.

די „בנות"—די טעכטער פונים יידישן פאלק, האבן דערפילט די פוסטקייט אַרום זיך און אָנגיהויבן זוכן אַ תוכן אינים לעבן פון דער יידישער פרוי.

די קליינע צאָל יידישע טעכטער וואָס זענין גיבליבן טריי דעם יידנטום און באַוואוסטזיניק אַלס אַ זעלכע. די וואָס זענין נישט צוליב שוואַכקייט און אָפגילאזנקייט נאָכגילאפן די אייראפעאישע ליכט-פאַקעלן; אט די האבן שוין מער די ענגשפט אין דער יידישער סביבה פאַרן יידישן גידאַנק נישט גיקענט פאַרטראָגן, און ענדלעך אָנגיהויבן רייניקן די לופט און ריין מאַכן דעם אמתן וועג פאַר דער יידישער טאכטער.

גינוג שטאַרק איז גיווען דער אַלטער דעמב – דער גייסט פון ישראל סבא!—אין משך פון טויזנטער יאָרן האט ער אָן אַ שיעור שטורימס און גיוויטערס מוטיק אויסגיהאַלטן.

דער שטויב און שימל, וואָס האט זיך אָנגיקליבן ביי די פעלקער במשך דער גאַנצער גישיכטע, האט אין דער לעצטער צייט אָנגיהויבן אַרויסגעבן אַ זעלכע שטיקענדע ריחות, וואָס האבן זיך אַזש אַריבערגיטראָגן אין דער יידישער מחנה און פאַרטשאַדיט גרויסע מאַסן פונים יידישן פאלק.

ווי גרויס ס-זאל נישט זיין די צאָל פון די אָפגיפאַלינע, פאַרדאַרטע און פאַרוועלקטע, וואָס האבן אַזאַ צאָל פון גיפטיקע באַצילן נישט גיקענט אַריבערטראַגן אָן שאַדן פאַר זיך, איז אבער פאַרט דער שטאַם גיבליבן גאַנץ, ס-זענין דאָ און דארט גיבליבן טרייע און איבערגיגעבענע יידישע העלדנס.

זיי—די דאזיקע העלדינס, האבן אבער נישט גיקענט מער צוזעען ווי ס-טאַנצט אַרום זיי דער מלאך המות און רייסט אַוועק יעדן טאָג פרישע יינגע יידישע לעבנס אינים אונענדלעכן תהום אַריין פון דער וועלט. זיי האבן זיך די פרייד פון פערזענלעכער יידישקייט נישט גיקענט פאַרגינין.

די דאזיקע זענין זיך צוזאַמינגיקומין אינם יאָר תרפ"ו אין דער טומלדיקער אינדוסטרי-שטאָט לאדזש, און פון זיי האט זיך גישאַפן דער ערשטער לעגיאָן, וואָס האט אַרויס מאַרשירט אין דער ברייטער וועלט מיט לאזונגין פון העלדישן קאַמף — און פרידלעכן שאַפן, פון שטורמדיקן ברעכן און באַשיידינים בויען: בא"י האט זיך גישטעלט אַלס פרינציפ אָפצוהיטן דעם אריגינעלן יידישן נאָמין, אַכט לייגן אויף צניעות אין דער קליידונג, זיך באַנוצן מיט דער פאלקסטימליכער יידישער שפראַך, אַכטן די הייליקייט פון לשון הקודש, דערווייטערן זיך פון נישט יידישן לעבנס שטייגער און פון פריי גייסט פון דער צייט.

שווער איז גיווען אונדזער אָנהייב. די קלינגענדע פראַזן און שיינע [illegible] עמאַנציפאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס האבן גיגרייכט צו די אויערן פון די יידישע פרויען, האבן אזוי פאַרכישופט און באַהערשט די לייכטזיניקע און שוואַך גלייביקע, אַז ס-איז אוממעגלעך גיווען יעדער צוגאַנג זיי אויס צו ניכטערן.

אונדזער אמת האבן מיר נישט גיקענט אויסקלונגין אין דער וועלט מיט בלויזע ווערטער און לאזונגין. מיר האבן דער יידישער פרוי נישט גיוואלט געבן קיין כלי זין, וואָס זשאַווערט באַלד.

כדי צו באַפעסטיקן אין איר אונדזער אמת, און אויפלעבן אין איר אונדזער גייסט, האבן מיר זי גימוזט פירן אין דער שול, זי אַוועק זעצן אויף דער באַנק און אָנהייבן לערנין.

די טויזנט-יעריקע יידישע גישיכטע, די פאַרבנרייכע יידישע גישטאַלטן, די העל שטראַלנדע יידישע גייסטער, די זיסע אידילישע לעבנס, וואָס פינקלין אַרויס פון יעדן בלאַט, האבן באַדאַרפט ווערן דער באַדן און די קוושניע פאַרן יידישן גייסט פון אונדזערע טעכטער.

איינהויכנדיק אין זיך די דערהויבינע גידאַנקן פון די נביאים, דורכלעבנדיג אַלע פריידן און ליידן פונים יידישן לעבן, אַריין דרינגנדיק אינים אוצר פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור, וואלטן די פרייהייטס-לאזונגין פון אייראָפא פאַר די אויגן פון דער יידישער פרוי ווי זייפן בלאָזן גיפלאַצט און ווי דער רויך זיך צעפלויגן. ביי דער זייט פון עכטן גאלד דערקענט זיך לייכט די אימיטאַציע.

נאר אויפן באדן פון אומבאַוואוסטזיניקייט אין יהדות, קענין אויסוואַקסן און זיך צובליען די כלומרשטע פעלד-בלומין וואָס שיינין פון ווייטן און דורך אַ בלאָז בלייבט פון זיי קיין צייכן נישט איבער.

קעמפנדיק געגן דעם שטייגנדן פריי גייסט, האט זיך די ארטאדאקסיע גישטעלט אויף דריי הויפט יסודות: אויף דער שול-ארג. און פרעסע.

די ערשטע פערזאן וועלכע האט זיך נאך מיט 14 יאָר צוריק פאַרטראַכט מיטן גאַנצן ערנסט אויף דער גייסטיק קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע פונים יידישן פאלק, און אָנגיהויבן זוכן אַ ראַדיקאַל הייל-מיטל צו דער גיפערלעכער אַסימילאַציע, איז די שעפערן פון דער ב"י אידעע וועמינס נאָמין ס-איז אונדז גוט באַקאַנט.

פרוי שרה שענירער האט זיך ארום גיזעען, אַז די זריעה וועט



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 070 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

